# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price
50c. a Year.

VOL. 39 - No. 7
MARCH, 1956

# Why I HAD To Believe In Christ!

by RACHMIEL FRYDLAND

IS THIS POSSIBLE? Who can force any one to become a Christian or anything else? Do Christians still go around even today, taking hold of Jews and others and forcing them to change their religion?

I was born and brought up in a Jewish religious home. As far back as I can remember, my father always wore a religious garb, with beard and peyoths (side curls) and all the other customary marks of Jewish orthodoxy.

The Jewish community where I spent my boyhood was small and poverty stricken. It was not in a position to maintain a Cheder (a Jewish religious school). But my father being a devout Jew felt it his bounden duty himself to instruct his own five children, my four sisters and his only son, in the faith of his fathers.

#### I MADE PROGRESS IN MY EDUCATION

In this manner I early learned by heart to recite some of the Hebrew prayers from the Siddur (Jewish Prayer Book) and fulfill the religious duties assigned by custom to small children. But when I knew how to read the Siddur myself, I accompanied my father to the synagogue and was proud to be able to join in the devotions of the congregation without his assistance.

After Pesach (the Jewish Passover) having reached the ripe age of seven, my father took me by the hand and brought me to the Cheder about four miles away from our village.

Of course, I had to have my board and lodging in the home of the Rebbe. This was duly arranged for—my father supplying the materials, and the Rebbezin (the teacher's wife), for a nominal charge, preparing the meals.

During that period my father would visit me every two or three weeks, take me home for the Sabbath, and when the week-end was over bring me back to the Cheder. While at home, he would take me to the most learned Jew of the community, examine me thoroughly in the chapters I had learned in Cheder, and derive great *Nachas* (satisfaction) when the examiner and the neighbors would praise me for my progress. I was considered an *Illui* (a bright student) who would some day become a great Rabbi. This was the cherished ambition of every devout Jew, because thus his entry into Gan Eden (Paradise) would be assured.

#### I BECAME A TALMUDICAL STUDENT

The Talmud I began to study at the age of nine. A year later the Rebbe advised my father that he had advanced me in my studies as far as he was able, and that if he desired me to continue my Talmudical studies he should transfer me to a higher school of learning. My father joyfully took his advice, and soon after I was enrolled as a student in a Yeshivah.

But that meant the starting point of a new life for me.

Lodging I had free at a cousin's home, sleeping on the floor, on a sack filled with hay. But my food I had to obtain the way other students did, namely, by finding seven homes which would feed me one day a week through the term—an arrangement which was satisfactory most of the time.

Such was my life till I reached my thirteenth year of age, that is, till I became Bar Mitzvah (a son of the Law). This is an important milestone in the life of a Jewish boy. According to Jewish tradition the boy at that point becomes of age and a full-fledged member of the Jewish synagogue. Prior to that, his father was responsible for his sins, but now the father is delivered from that responsibility. From then on the "Son of the Law" must suffer the penalty for his own misdeeds.

A special celebration was arranged in my honor. I delivered a Talmudic discourse in which I was drilled for weeks beforehand, and for which I received considerable applause—much to the satisfaction of my parents and relatives present.

A year later found me in the capitol city of Poland, Warsaw, continuing my Talmudical studies in one of the famous Rabbinical seminaries, at the end of which course of studies I expected to obtain my Rabbinical diploma.

#### DOUBTS AND PROBLEMS

The teaching in the Rabbinical Schools was all "spoon-fed"—that is, we had to learn by heart or memorize what we read in the books or what we heard from the lips of the Rabbi. Independent reasoning and questions were utterly discouraged. Those who inadvertently expressed a doubt or an opinion of their own not found in the books, were cruelly punished for their temerity. As a result I carried around my problems and doubts, not daring to confide them to anyone.

At that time also it became clear to me, that however I tried, I would not go to heaven anyway. I felt I could not measure up to the requirements of the Torah. A Talmudical story about a famous Rabbi troubled me exceedingly. According to it when his end was approaching he was so terrified that he wept bitter tears. He did not know, he lamented, where he was going, to Heaven or to Gehenna. "If such a Rabbi" I said to myself, "so famous for his devotion and sanctity, did not know whether he was good enough to go to heaven, what chance had I to get there?"

As a last resort I clung tenaciously to two small observances (or mitzvahs) which I hoped might be of some help. I religiously saw to it that my peyeth were of the required length, and that my Yarmelke (skull cap) was always on my head, even at night. These two mitzvahs I secretly hoped might give me at least some chance of escaping the fires of Gehenna.

At this point an incident occurred which completely changed the whole course of my life. I had a friend who was suspected of not being sufficiently orthodox accord-

## What Does Pesach Mean to You?

**Every Jew knows that a remarkable and unique custom has come down into the Passover ritual through hundreds of years, and no one has yet been able to explain how and where and why this custom originated. It has to do with the ritual of the three Matzos. If you would like to know the explanation, send us 5¢ in stamps and ask for our folder, "The Broken Matzo."**

THE SHEPHERD OF ISRAEL, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.

Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.
Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879. PRINTED IN U.S.A.

ing to the rigid conception of the Yeshivah I was attending. He belonged to a religious Zionist group, called the Mizrachi which was not tolerated by that Yeshivah. Though having nothing to do with this group, my association with this friend of mine nevertheless drew suspicion on me also.

At that time also I became dissatisfied with the whole system of Rabbinical education. All of it was nothing except what the Rabbis long ago said or wrote. I desired to read and to study things which were outside the Talmudical Curriculum. I craved to learn things other than what was taught in the Yeshivah.

That opportunity soon came. Walking in the streets of Warsaw, I met a friend, also a Talmudical student, standing in the street and selling things. I asked him, why he was doing it. He said, "I am fed up with the tyranny and fanaticism of the Rabbis. I am now earning my own living. I am no longer dependent upon the Yeshivah. Now I can think for myself and read what I like."

A short time later I too was standing in the street, selling things.

### A RADICAL CHANGE

Then the store keeper who was giving me lodging on his premises saw me thus in the street with my basket of goods: "Aha," he said, "you are no longer in the Yeshivah! My store is only for Yeshivah Bocherim (students). You therefore can no longer sleep in my place!"

The only thing then for me to do was to find another lodging. This I succeeded in doing quickly in the home of a kindly motherly woman.

But this woman was attending meetings at a mission!

"What are they doing at the Mission?" I asked her. "Come and see!" she replied. My curiosity was aroused, and so one day I accompanied her to the meeting.

The missionaries were not altogether unknown to me. I had heard of them before, and abhorred them. I also had seen some of their literature, and as soon as I looked into it, I tore it up. It seemed to propound the idea that Jews should believe in three gods and exchange the holy Torah for the teaching of the "Hanged One," whose name it was a sin for a Jew to take even upon his lips. Because "that One" was the cause of all the sorrows that had befallen Israel since his day nearly two thousand years ago.

Moreover what I saw at the Mission that day filled me with ridicule. The Missionary began the meeting by offering prayer in Yiddish! I could not help bursting out in laughter. With us, in the Synagogue, only ignorant women prayed in Yiddish. The language of prayer for men was Hebrew, from the Siddur!

A little reflection, however, made me ashamed of my behavior. After all, I said to myself, God understood all the languages, even Yiddish. Then thinking back to Abraham, Isaac and Jacob and the prophets—they had no Siddur to pray from, and yet their prayers were accepted of God.

### SIGNS OF THE MESSIAH

At the close of the meeting I heard the speaker make the following announcement:

"If any of you want a sign from the Tenach (Old Testament) that Jesus is the Messiah, let him remain till after the meeting, and I will prove to him with more than one sign that this is so."

Hearing this I decided to stay. I was sure that he was wrong. I knew there were no signs in the Tenach by which he could prove his point. I knew also that I could demolish all his arguments, and show him that he was in error. I was therefore eager to hear what he had to say.

The missionary made a long speech, quoting many verses from the Tenach in his support. But I had an answer ready for every one of those verses. Some of them, I explained, did not apply to the Messiah, and those that did, I showed him that it was not Jesus to whom they referred.

The only passage, however, for which I did not know the answer was Daniel 9:24-27. It reads as follows:

> Seventy weeks are determined upon thy people and upon thy holy city, to finish the transgression, and to make an end of sins, and to make reconciliation for iniquity, and to bring in everlasting righteousness, and to seal up the vision and prophecy, and to anoint the Most Holy. Know therefore and understand, that from the going forth of the commandment to restore and to build Jerusalem unto the Messiah the Prince, shall be seven weeks: and threescore and two weeks: the street shall be built again, and the wall, even in troublous times.
>
> And after three score and two weeks shall Messiah be cut off, but not for himself. . . .

I simply had to confess that I did not understand this passage at all. But I promised the speaker that I would study it and come back with the answer. What puzzled me most was: Why was Messiah to be cut off . . . ?

### I WAS FORCED TO BECOME A CHRISTIAN

But I wanted to get at the bottom of the whole matter. I therefore obtained a copy of the New Testament in Hebrew to learn first hand who Jesus was, and what He came to do and teach. I read it through carefully comparing the many references in it to the Old Testament.

Slowly it dawned upon me that Jesus must be the Messiah!

At no time was there external compulsion or persuasion to force me to that conviction. It was the hand of God which I could not and would not resist.

What then forced me to become a Christian? One thing I know, it was not external or human force. It was the Spirit of God who still broods over the chaos of this world and over men's souls, darkened through sin, crying: Let there be light!

Then came the winter of the year 1937. There was a meeting at the mission, and


**AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.**

Established by Leopold Cohn in 1894



HEADQUARTERS

—

LEOPOLD COHN MEMORIAL BLDG.

—

236 WEST 72nd STREET
NEW YORK 23, N. Y.

—


on that occasion, it was composed wholly of Jewish believers. The speaker was a Gentile woman, who talked about the Temple of Jerusalem, explaining how all the things in it—its construction and its furniture—all pointed to the fact that all men were sinners, and that the Lord Jesus was the sacrifice for the sins of all.

"How is it?" I asked myself "that a Gentile woman knew more about the Bible and about the significance of these things than I, a student of the Yeshivah? Does this not prove that it is because we as a nation have rejected our Messiah?"

When the speaker was done we were invited to kneel and to pray. Then the unexpected happened. In spite of my Jewish reluctance to kneel, I immediately sank upon my knees before all, and prayed that God might open mine eyes to the Truth, and forgive me my sins for not acknowledging openly before men that Jesus was my Messiah.

God answered my prayer. A new assurance filled my soul. I was no longer afraid to confess Him before men. I was no longer afraid of the consequences.

Then one day as I was reading and meditating upon the Word of God, I came upon the following words:

> But though our outward man perish, yet the inward man is renewed day by day (2 Corinthians 4:16).

These words made me realize that all my cares and anxieties up to this moment were only for external things. I thereupon decided to consecrate my life anew and completely to my Messiah, and love Him and serve Him more than before.

This, however, was not the end of my difficulties. Soon my parents learned of the step I had taken, and came with tears and prayers, endeavoring to dissuade me from my new found Faith. But as time went on their opposition relaxed. In the course of time I had many opportunities to prove to them that I was still a loving and devoted son of theirs, and I lived to witness the fulfilment of the promise which the Lord made through His prophet that He will turn "the hearts of the fathers to their children" (Malachi 4:6). Many a time after that I had the privilege of witnessing to them about their and my Messiah.

האָפט אַז מיין משפט אין גהינום וועט נישט זיין אַזוי גרויס.

עפּעס איז געשען אין דער צייט וואָס האָט אינגאַנצן געענדערט דעם גאַנג פון מיין לעבן. איך בין געווען באַפריינדעט מיט אַ בחור וועלכן מען האָט חושד געווען אַז ער איז נישט געווען גענוג פרום לויט די שטרענגע אויפפּאַסונגען פון אונדזער ישיבה. ער האָט אָנגעהערט דער מיזרחי אָרגאַניזאַציע וואָס איז געווען פאַרבאָטן ביי אונדז. כאָטש איך האָב נישט געוווסט און האָב גאָרנישט געהאַט צו טון מיט דער אָרגאַניזאַציע איז דאָך צוליב אונדזער פריינטשאַפט דער חשד אויף מיר אויך געפאַלן.

עס האָט שוין אָבער ווייניק געהאָלפן. איך בין שוין געווען אומצופרידן מיטן גאַנצן ישיבה סיסטעם. אַלץ וואָס מיר האָבן געלערנט איז געווען גמרא און פּילפּול. איך האָב געשטרעבט צו שטודירן אַנדערע זאַכן וואָס מען האָט נישט געטאָרט לייענען אָדער שטודירן אין אַ ישיבה.

די געלעגנהייט איז באַלד געקומען. אַדורכגייענדיק אין גאַס האָב איך באַגעגנט אַ חבר וועלכער איז געווען פון מיין שטאָט און געקומען קיין וואַרשע. איצט איז ער געשטאַנען אין גאַס און פאַרקויפט דראַבנע זאַכן. איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט עס געטון, און ער האָט מיר געזאָגט: „איך בין שוין מיד פון די פאַנאַטישע רבנים. איך פאַרדין מיר מיין שטיקל ברויט. איך בין מער נישט אָפּהענגיק פון דער ישיבה. איך קאָן איצט דענקן וואָס איך וויל און לעזן וואָס איך וויל."

אַ ביסל שפּעטער בין איך אויך געשטאַנען לעם אים אין גאַס און פאַרקויפט דראַבנע זאַכן.

## אַ ראַדיקאַלע ענדערונג

דער אייגענטימער פונם געוועלב וווּ איך בין געשלאָפן האָט מיך געזען אין גאַס מיט מיין קויש סחורה. „אַ" האָט ער געזאָגט, „ביסט שוין נישט מער אין דער ישיבה! מיין געשעפט צו שלאָפן איז נאָר פאַר ישיבה בחורים. מוזט דיר געפינען אַנאַדער אָרט."

איך האָב נאָר געהאַט איין ברירה, צו געפינען וואָס גיכער אַן אָרט צו שלאָפן. און דאָס איז מיר צום גליק גיך געלונגען אין אַ היים פון אַ גוטער ידישער פאַמיליע. די פרוי אָבער פלעגט גיין צו די מיסיאָנערן.

„וואָס טוט מען ביי די מיסיאָנערן?" האָב איך איר געפרעגט. „קום וועסטו זען," האָט זי מיר קורץ געענטפערט. איך בין געווען נייגעריק און איך בין מיטגעגאַנגען.

אינגאַנצן פרעמד זענען די מיסיאָנערן פאַר מיר נישט געווען. איך האָב שוין געהאַט געהערט וועגן זיי. איך האָב אַפילו געזען זייער ליטעראַטור איינמאָל, אָבער ווען איך האָב אַריינגעקוקט אין די ביכלעך האָב איך זיי צעריסן. עס האָט דעמאָלט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז זיי ווילן אַז ידן זאָלן גלויבן אין דריי געטער, און פאַרוואַרפן די תורה פאַר די לערע פון דעם אותו האיש, וועמענס נאָמען עס איז אַן עבירה צו דערמאָנען, וואָרעם אַלע צרות האָבן מיר אויסצושטיין צוליב אים.

און איצט וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מיסיאָן האָט מיך אָנגעפילט מיט געלעכטער. דער מיסיאָנער האָט מתפּלל געווען אין ידיש מאַמע־לשון. וויאַזוי קאָן מען זיך איינהאַלטן פון לאַכן? ביי אונדז האָבן נאָר ידינעס תפילה געטון אין ידיש פון תחינות. אַ מאַנספּערשוין איז מתפּלל אין לשון הקודש פון אַ סידור אָדער אויסנווייניק!

ווען איך האָב מיך אָבער די זאַך איבערגעלייגט האָב איך מיך געשעמט פאַר זיך אַליין. נאָך אַלעמען, האָב איך מיר געטראַכט, פאַרשטייט דאָך גאָט אַלע שפּראַכן, אַפילו ידיש. און טראַכטנדיק וועגן אברהם, יצחק און יעקוב און די נביאים, האָבן זיי דאָך קיין סידור נישט געהאַט, און דאָך זענען זייערע תפילות אויסגעהערט געוואָרן.

## סימנים אויפן משיח

ביים סוף פון דער פאַרזאַמלונג האָב איך געהערט ווי דער בעל דרשן זאָגט אַזוי: „אויב עמיצער וויל אַ סימן פונם תנך אַז ישוע איז דער משיח, זאָל ער דאָ פאַרבלייבן, און איך וועל אים באַווייזן מיט מער ווי איין באַווייז אַז אַזוי איז עס."

איך האָב מיך אַנטשלאָסן צו פאַרבלייבן. איך בין געווען זיכער אַז עס איז נישט אַזוי ווי ער זאָגט. איך האָב גוט געוווסט אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין סימנים אינם תנך אַז ער זאָל עס קאָנען באַווייזן. איך בין געווען איבערציייגט אַז איך קאָן בטל מאַכן אַלע זיינע באַווייזן און אויפצייגן זיין טעות. איך בין פאַרבליבן.

דער מיסיאָנער האָט מיר געוויזן אַ סך פּסוקים פונם תנ"ך וואָס ווייזן אויפן משיח, אָבער איך האָב געפונען אַן ענטפער. אַ טייל פון זיי רעדן נישט וועגן אַ משיח און די וואָס איך האָב מודה געווען אַז זיי רעדן יאָ וועגן אַ משיח איז אָבער נישטאָ קיין באַווייז אַז זיי באַציען זיך צו ישוען.

דאָך אויף איין שטעלע האָב איך נישט געקאָנט געפונען קיין ענטפער. די שטעלע געפינט זיך אין דניאל ט' 24-27. אָט איז זי:

> זיבציק וואָכן זענען באַשטימט פאַר דיין פאָלק און פאַר דיין הייליקער שטאָט צו ענדיקן מיט זינד, און צו פאַרזיגלען חטאים און מכפּר צו זיין פאַר עוונות און אַריינצוברענגען אייביקע גערעכטיקייט, און צו פאַרזיגלען די זעאונג און די נבואָה און צו זאַלבן דעם אַלערהייליקסטן (קדוש קדשים). דאַריבער זאָלסטו וויסן און פאַרשטיין אַז פונם אַרויסגיין פון דעם באַפעל, ביז מען וועט צוריקגיין און ווידער אויפבויען ירושלים ביז צו דעם משיח דעם פירסט, וועט זיין זיבן וואָכן (שמיטות); אַזוי וועט מען צוריקגיין און ווידער אויפבויען די גאַסן און די מויערן, כאָטש עס וועט זיין אין שווערע (ענגע) צייטן. אָבער נאָך די צוויי און זעכציק וואָכן וועט דער משיח אָפּגעשניטן ווערן אָבער נישט פאַר זיך אַליין . . .

איך האָב געמוזט מודה זיין אַז איך פאַרשטיי עס נישט. אָבער איך האָב אים פאַרזיכערט אַז איך וועל אַדורכלערנען און צוריק קומען. וואָס איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין איז: פאַרוואָס דאַרף משיח פאַרשניטן ווערן . . . ?

מיט דער צייט האָב איך אָנגעהויבן אַכטן די מענטשן פאַר זייער געדולד און ענוות. איך האָב איינגעזען אַז מיינע ענטפערס אויף די מיסיאָנערנס סימנים וועגן משיח זענען נישט געווען באַזירט אויף ביבעל נאָר אויף דעם וואָס רבנים האָבן אונדז געלערנט. איך האָב געמוזט אַליין מודה זיין אַז די נבואותן וועלכע זענען דערפילט געוואָרן אין אים זענען צופיל אַז מען זאָל קאָנען זיי אָפּווענדן. דניאלס נבואָה האָב איך נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, כאָטש איך האָב אַריינגעקוקט אין די מפרשים. איך בין געווען צופרידן וואָס דער בעל־דרשן האָט מיך נישט געפרעגט וואָס איז וועגן דעם געוואָרן.

## איך ווער אַ מאַמין

אָבער איך האָב געוואָלט פאַרשטיין דעם דעם ענין. איך האָב גענומען פון זיי אַ העברעאישן ברית חדשה, צו לייענען און געוויר צו ווערן ווער ישוע איז געווען. איך האָב עס געלייענט פאַרזיכטיק און פאַרגליכן די ציטאַטן מיטן תנ"ך.

פּאַמעלעך האָב איך איינגעזען אַז ישוע איז דער משיח.

איצט ווען איך קוק צוריק, קאָן איך זען ווי גאָט האָט מיך געפירט יעדן טריט. אַלץ וואָס איז געשען מיט מיר איז געווען פאַר דעם צוועק וועגן. קיינער האָט מיר דערצו נישט גענויט, אָבער גאָט האָט עס אַזוי געפירט אַז איך זאָל קאָנען קומען צום גלויבן. עס איז געווען דער רוח אלהים וואָס שוועבט נאָך היינט איבער דער וועלט כאָאָס און רופט: זאָל זיין ליכט!

איך בין געווען איינזאַם אין דער אַנטשיידונג. איך האָב זיך נישט געקאָנט באַראָטן מיט מיינע עלטערן. זיי וואָלטן עס נישט פאַרשטאַנען. אָבער איך האָב געוווסט אַז איך מוז באַקענען מיין גלויבן אינם משיח, כאָטש עס האָט מיר געפעלט דער קוראַזש דערצו.

ווינטער פון 1937 איז אָנגעקומען. עס איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג אין דער מיסיאָן אָבער נאָר פאַר מאַמינים. די רעדנערין איז געווען אַ קריסטין. זי האָט גערעדט וועגן בית המקדש, וויאַזוי אַלע זאַכן דאָרט ווייזן אַז מיר זענען זינדער און אַז דער האַר ישוע איז דער קרבן פאַר אונדזערע זינד. „ווי קומט עס" האָב איך מיר אַליין געשטעלט די פראַגע, „אַז אַ גויאישע פרוי זאָל בעסער קענען דעם תנ"ך פאַר מיר און וויסן די באַדייטונגען מער פאַר מיר אַ ישיבה בחור? איז דאָס אַליין דען נישט קיין גענוגענדער באַווייז אַז עס איז אַזוי געשען ווייל מיר האָבן פאַרוואָרפן אונדזער משיח?"

ווען די רעדנערין האָט געענדיקט, האָבן אַלע אַנידערגעקניט מתפּלל צו זיין. און דאָס אומדערוואַרטעטע איז געשען. טראָץ מיין פאַרבאַהאַלט צו קניען בין איך דאָך געפאַלן כורעים מיט די אַנדערע און מתפּלל געווען אַז גאָט זאָל עפענען מיינע אויגן אַז איך זאָל זען דעם אמת און מיר פאַרגעבן מיינע זינד פאַר מיין אומווילן אים צו באַקענען פאַרן משיח.

## האָפערדיקייט און טרייסט

גאָט האָט אויסגעהערט מיין תפילה. אַ נייע זיכערקייט האָט אָנגעפילט מיין האַרץ. איך האָב מער קיין מוראָ געהאַט עדות צו זאָגן וועגן אים, און קיין פאָרכט פאַר קאָנסעקווענצן.

מיינע שוועריקייטן האָבן זיך נישט דערמיט געענדיקט. מיינע עלטערן זענען דערפון געוויר געוואָרן, און זענען געקומען מיט טרערן זיך צו באַמיען מיך אָפּצוקערן פונם נייעם וועג און גלויבן. אָבער מיט דער צייט איז זייער געגנערשאַפט שוואַכער געוואָרן. זיי האָבן איינגעזען אַז איך בין זייער ליבענדער און געטרייער זון. איך האָב דערלעבט צו זען ווי מיינע עלטערן האָבן אָנגעהויבן לעזן דעם ברית חדשה און די נבואָה איז דערפילט געוואָרן: „איך וועל צוריקקערן דאָס האַרץ פון די עלטערן צו זייערע קינדער." (מלאכי 5:4). אַ סך מאָל שפּעטער זענען מיר צוזאַמען געזעסן און געשמועסט וועגן משיח.

# פאַרוואָס איך מוז גלויבן אין ישוע המשיח!

אנכי הוא הרעה הטוב
יוחנן 10־11

ותקמתי עליהם רעה אחד
יחזקאל ל״ד, 23

## רעה ישראל
א מאָנאַטליך בלאַט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח

## The Shepherd of Israel
PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

Subscription Price
50c. a Year.

VOL. 39 - No. 7
MARCH, 1956


# פאַרוואָס איך מוז גלויבן אין ישוע המשיח!


פון ירחמיאל פרידלאַנד


איז דאָס מעגלעך? ווער קאָן צווינגען עמיצן צו ווערן א משיחי אָדער עפּעס אנדערש? גייען דען קריסטן ארום, היינט צו טאָג, און זוכן אנדערע, זיי צו צווינגען אריבערצוגיין צו זייער רעליגיע?

איך בין געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין א יידיש רעליגיעזער היים. מיין פאָטער האָט זיך רעליגיעז געקליידט מיט באָרד און פּאות און אויפגעפירט זיך ווי א פרומער ייד.

ער איז געווען א חסיד און אויף ימים נוראים פלעגט ער פאָרן צום רבין וואָס האָט נישט וויט געוווינט פון אונדז, אָפּגעבן א קוויטל, און דאָרט פאַרברענגען די צען טעג, האָפנדיק אז דורך דעם וועט ער זיך אויסבעטן א גוט יאָר.

נישט געווען קיין סך יידן אינם אָרט ווו איך בין געבוירן געוואָרן, נאָר עטלעכע יידישע פאַמיליעס, און קיין חדר האָט זיך דאריבער אין דעם אָרט נישט געפונען. מיין פאָטער האָט דאריבער אויף זיך גענומען דעם חוב צו לערנען מיט זיינע פינף קינדער, מיך מיט מיינע פיר שוועסטער, און איינצוגרונטעווען אונדז אין דעם גלויבן פון אונדזערע אָבות.

### איך מאַך פאַרשריטן אינם לערנען

אזוי ארום האָב איך זיך גיך אויסגעלערנט א סך תפילות פונם סידור אויף אויסנווייניק, און אָפּגעהיטן אַלע מצוות וואָס קינדער דאַרפן אָפּהיטן לויט דער יידישער טראַדיציע. ווען איך האָב שוין געקאָנט עברי, און מיין פאָטער האָט מיך מיטגענומען אין שול אריין בין איז געווען שטאָלץ פון דעם וואָס איך האָב געקאָנט האַלטן א סידור און מיטדאַווענען מיטן עולם אָן זיין הילף.

נאָך פּסח ווען איך בין שוין געווען זיבן יאָר אַלט, האָט מיין פאָטער מיך גענומען ביי דער האַנט און מיך אַוועקגעפירט איין חדר אריין פיר מייל אַוועק פון אונדזער דאָרף.

עסן און שלאָפן האָב איך געמוזט ביים רבין אין הויז, און מען איז אַדורכגעקומען מיט דעם — מיין פאָטער האָט געבראַכט די פּראָדוקטן און די רביצן האָט פאַר מיר געקאָכט פאַר א קליינער שכר. אינם פאַרלויף פונם זמן פלעגט מיין פאָטער מיך מען אויף שבת און מיך צוריקברענגען איין חדר אריין. אין דערהיים פלעגט מיין פאָטער מיך נעמען צו דעם בכבודיקסטן ייד מיך צו פאַרהערן, און פלעגט שעפּן נחת ווען דער פאַרהערער און שכנים האָבן מיך געלויבט פאַר מיין פּראָגרעס אין לערנען, און מען האָט געהאַלטן אז איך וועל ווערן אַן עילוי און וועל אפשר אַמאָל זיין א רב בישראל.

### איך ווער אַ ישיבה בחור

גמרא האָט איך אָנגעהויבן לערנען ווען איך בין אַלט געוואָרן ניין יאָר. א יאָר שפּעטער האָט דער רבי געעצהט מיין פאָטער אז ער זאָל מיך אָפּגעבן אין א ישיבה אריין ווייל ער האָט שוין מיט מיר געלערנט אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט. מיין פאָטער האָט זיך נאַטירלעך דערפרייט און איך בין אַוועקגעשיקט געוואָרן אין א ישיבה אריין.

דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון א ניי לעבן פאַר מיר.

אַן אָרט פאַר שלאָפן האָבן מיינע עלטערן פאַר מיר געפונען ביי קוזינען וואָס האָבן געוווינט אין דער שטאָט. איך בין געשלאָפן אויף א שעניק מיט היי אויף דער פּאָדלאָגע. וואָס אָנבאַלאַנגט עסן האָב איך געמוזט מיר פאַרשאַפן ווי אנדערע בחורים האָבן עס געטון. איך האָב געמוזט מיר געפינען זיבן באַלעבאַטים וואָס זאָלן מיר געבן טעג צו עסן. מייסטנס איז אַלץ געווען אין אָרדנונג, יידישע הייזמען האָבן גערן געגעבן צו עסן א ישיבה בחור, אָבער טיילמאָל האָט מיר אויסגעפעלט א „טאָג". דעמאָלט האָב איך געמוזט פאַסטן, א חוץ ווען איך האָב געקאָנט צווויסן טון מיין פאָטער וועגן דעם און דאַן איז ער גיך געקומען און מיר גענעבן א פאָר גראָשן זיך עסן צו קויפן.

און אָט אזוי האָב איך מיר צוגעוויינט צו מיין ניי לעבן ביז איך בין געוואָרן דרייצן יאָר אַלט, דאָס הייסט איך בין געוואָרן בר־מצווה. דאָס איז א זייער וויכטיקע צייט פאַר א יידישן בחור. יידן גלויבן אַז אַזאַ בחור ווערט דעמאָלט א מיטגליד פונם כלל ישראל, און אַז פאַר דעם איז דער פאָטער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אויפפירן זיך פון זיין קינד אָבער איצט ווערט ער באַפרייט פון דער פאַראַנטוואָרטליכקייט. פון איצט אָן אַלס א בר־מצווה וועל איך אַליין טראָגן די שטראָף פאַר מיינע זינד.

מען האָט געמאַכט א ספּעציעלע סעודה פאַר מיין כבוד וועגן. איך האָב געהאַלטן א דרשה מיט פּילפּול וואָס מיין רבי האָט מיך אויסגעלערנט, און פאַר וועלכע מען האָט מיך שטאַרק געלויבט, פון וואָס מיינע עלטערן האָבן ווידער געשעפּט נחת.

מיט א יאָר שפּעטער בין איך אָנגעקומען אין דער הויפּשטאָט פון פּוילן, וואַרשע, פאָרטצוזעצן מיינע לימודים אין איינע פון די באַרימטע ישיבות. אָבער דאָס לעבן איז נישט געווען לייכט אין דער ישיבה. דאָס מאָל איז עס נישט געווען די פראַגע וועגן עסן אָבער דאָס שלאָפן פּראָבלעם. מען האָט געגעסן אין דער „סעך" ביי דער ישיבה, אָבער שלאָפן האָב איך, ווי אנדערע ישיבה בחורים, געמוזט געפינען אין א געוועלב ווי א נאַכט וועכטער, מען זאָל מיר געבן אַן אָרט צו שלאָפן איבער נאַכט און נאָך צוצאָלן צוויי זלאָטעס (עטלעכע סענט) פאַר דער וואָך.

### צווייפל און פּראָבלעמען

די לערע אין ישיבות איז געווען דיזעלבע ווי אומעטום. מיר האָבן אויסגעהערט דעם שיעור, איבערגעחזרט און אַליין געלערנט א גמרא. טיפערע קשיות און פראַגן האָט מען נישט געטאָרט פרעגן, און אויב מען האָט יאָ געפרעגט, האָט דער רבי אָנגעשריגן אָדער באַשטראָפט דעם „גוי" אָדער ליץ. ווי אנדערע האָב איך מיך ארומגעטראָגן מיט מיינע פּראָבלעמען, פראַגן און צווייפל און זיך נישט געוואַגט פאַרטרויען פאַר קיינעם.

קלאָר איז עס אויך געווען פאַר מיר אז איך וועל קיינמאָל נישט אריינקומען אין גן־עדן אריין, ווי איך זאָל זיך נישט באַמיען. איך האָב געוווּסט אז איך בין אַן עובר אין געדאַנק און אין טאָט אויף דער תורה. איך האָב געוווּסט ווי ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געוויינט איידער ער איז נפטר געוואָרן, נישט וויסנדיק וואוהין ער גייט און מורא האָבנדיק אזוי פאַר גאָט. און איך האָב מיך געטראַכט: „אויב אזא רבי וואָס זיין פרומקייט און קדושה איז געווען אזוי גרויס און ער האָט נישט געוווּסט צי ער האָט זוכה געווען אריינצוקומען אין גן־עדן, וואָס פאַרא אויסזיכט האָב איך אַהין צו קומען?"

דאָך האָב איך זיך באַמיט מיט אַלע כוחות אָפּצוהיטן די תורה. איך האָב געטראָגן לאַנגע פּאות מער ווי דער שיעור איז, כאָטש נישט די לענגסטע אין דער ישיבה, און שטענדיק געהאַט אויפן קאָפּ א יאַרמולקע אפילו ווען איך בין געשלאָפן אזויווי די אנדערע בחורים, און אזויארום האָב איך נע־


Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.
Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.